**לכבוד המערכת החשובה הע"י**

איך וויל מיר באציען צו די בריוו פון פאריגע וואך בנוגע די שומרים קארטלעך, וואס יענער שרייבער האט נישט געוואלט אריינגיין אין די נושא.

פאר איך הייב אהן, בין איך מקדים אז איך בין זיכער אז די ארויסגעבער און מפיצים פון די שומרים קארטלעך מיינען דאס לשם שמים, צו אנפירן מיט די מלחמת מצוה אנטקעגן דער אבן הנגף הנקרא אינטערנעט, וואס איז אוודאי א געפערליכע פראבלעם אזוי ווי יעדער איינער ווייסט ואינו צריך לפנים, אבער דאס ארויסגעבן אזעלכע קארטלעך טראגט מיט זיך אויך א געוואלדיגער אחריות, און מ'דארף האבן צו דעם אן אמת'ען דעת תורה וואס זעהט דעם גאנצן בילד, און איז מכריע אז דאס איז א גוטע מהלך.

איך וויל דא ארויסברענגן אפאר נקודות למחשבה - וואס כ'האב געהערט פון חשוב'ע מחנכים - כדי דער עולם זאל אריינקלערן אויב די קארטלעך איז טאקע א גוטע שפיל, אדער א שפיל מיט פייער רח"ל:

**א') האיסור** - אויף די קארטלעך שטייט "געשטיצט דורך רבנים וגדולי הדור שליט"א", אבער די אמת איז אז די מערכה אנטקעגן כשר'ע און געפילטערטע סמארטפאונס איז נישט געשטיצט דורך קיין שום רב אדער רבי. פון די גרויסע "כינוס כלל ישראל" איז נישט געבליבן די החלטה אז א יעדע סמארטפאון איז אסור, און קיין איין רבי האט נישט גע'אסר'ט סמארטפאונס פון אידן וואס דארפן דאס האבן! אוודאי אויב ס'איז נישט געפילטערט איז עס אסור בתכלית האיסור, אבער היינט איז די מציאות אז א יעדע מוסד איז ממילא מחייב צו האבן א פילטער אויף דעם, און קאנטראלירט פונקליך וואס די יחיד מעג האבן אויף זיין פאון כפי צורך פרנסתו. און אויף דעם באקומט מען א זיגל. אוודאי איז איז דא דרגות אין אידישקייט, איך קען אסאך מענטשן וואס זענען זיך פורש פון א קאמפיוטער בכלל, מענטשן וואס האבן נישט קיין אימעיל אדרעס וכדו'. אויב ס'זענען דא מענטשן וואס ווילן שטיין ווייט פון יעדער שמץ פון אינטערנעט - מה טוב ומה נעים, אבער פארוואס מחייב זיין יעדן זיך צו פירן פונקט אזוי עקסטרעם ווי דיר. שטעלט אייך פאר אז דיין טאכטער קומט אהיים פון סקול מיט א קארטל "מאמי ביסט א רשע'נטע" ווייל דו גייסט מיט א שייטל וואס די און די רבי האט גע'אסר'ט! אדער אז מ'גייט ארום ווארפן קארטלעך אז דו ביסט "חייב סקילה" פארן טראגן מיט די עירוב, וואס דיין דומ"ץ האט דיר מתיר געווען. וכדו'.

אז איינער זוכט דווקא א זיכערע צוועק, פעהלן ליידער נישט קיין ערנסטע פראבלעמען צו מאכן קארטלעך. מ'קען מאכן א ויצעקו אויף מענטשן וואס פארפאסן סוף זמן קרי"ש, אדער סוף זמן תפילה במזיד, ואטו כי רוכלא. אבער דאס איז אויך נישט אויסגעהאלטן, כאשר יתבאר.

**ב') בדרך התורה נלך** - נניח אז די מערכה איז יא אויסגעהאלטן, דאך האבן מיר אלעמאל געוואוסט אז א שיטה וואס פארטיילט ליטעראטור, א שיטה וואס פרובירט איבערצורעדן מיט צעטלעך, ביכער, העפליכע פראזן, און א שיינע שפראך, איז עפעס פארטונקלט. מיר האבן דאס געזען נאר אין די מיסיאנערישע באוועגונגען אדער ביי די נאציס וכדו'. ביי אונז אידן האט מען מיט שטאלץ געוואוסט אז מיר האבן א סארט אמת וואס אונזער תורה האט, און דאס איז וואס פירט אונזער מאראל, און נישט אז מיר זאלן טון אקטן פון טעראר, בעשעריי, נאכשרייערי, פראטעסט, אטאקעס, חוצפה, און אנדערע זאכן וואס שמעקן פון ראדיקאלע שטימונגען, זאכן וואס מיר האבן נישט ליב ווען מען טוט דאס צו אונז, זאכן צו וואס מיר זענען סענסיטיוו, און זענען קאנטער אפעקטיוו. אפילו אין די קנאי'שע חדר האט מען זיך זייער אפגעשאקלט פון ווילדע עקסטרעמע פעולות פון בחורים אדער עקסטרעמע מענטשן וואס האבן גענומען די שיטה צו אן עקסטרים און געטוהן אייגענע אקטן שאין רוח חכמים נוחה הימנו, כידוע.

**ג') פרוץ מרובה** - נניח אז טערא איז יא א מהלך, אבער ווער נעמט די אחריות פון אויפקלערן די צאן קדשים שלא טעמו טעם חטא, וואס מיינט אינטערנעט און סמארטפאון וכדו', און וויפיל און וועלכע עבירות מ'קען אלס אפטוהן, רח"ל. פארוואס דארף מיין קליין 7 יעריגע ויסן וואס דאס איז בכלל די טריפה'נע אינטערנעט? אדער אפילו וואס א קליפ איז? ווער ווייסט דען וויפיל דאס רייצט זיי אהן צו די זאכן, אוןווארטן שוין מתי יבא סמארטפאון לידי ה"י? דאס איז א שפיל מיט פייער ותוצאותיו מי ישורנה!

**ד') חוצפה** - איך האב שוין מער ווי איינמאל בייגעוואוינט די סצענע, ווי קינדער שרייען נאך מענטשן וואס וואלטן געקענט זיין זייערע טאטעס אדער זיידעס, מיט ביליגע לשונות אשר כל שומעיהן תצילנה שתי אזניו. מיט א חוצפה און עזות שרייען זיי נאך מיט קללות נמרצות כפשוטו - וואס דאס איז ווארשיינליך די ציהל פון די קארטלעך. וואו נאך האט מען דאס אמאל געהערט, אז מ'איז מחנך קינדער זיך אויפצופירן חוצפה'דיג צו עלטערע מענטשן, ובפרט אויף א זאך וואס איז נישט אסור, נאר געוויסע מענטשן ווילן זיך מאכן אן אייגענעם גדר דערויף? ובפרט נוצענדיג אזעלכע אומאיידלע אויסדרוקן און מיאוס'ע שפראך? אויב דא זעהט מען אזא מין חוצפה'דיגער

ערשיינונג איז עס לכאורה א קלארע ראי' אז לא זו הדרך, און ס'גייט אריין אין די קאטאגאריע פון עבירה גוררת עבירה.

**ה) חינוך** - ביי די גוים להבדיל ווייסט מען, אז ווי יונגער מען איז אלס קלוגער איז מען. ביי אונז כלל ישראל ווייסט מען, אז מ'קוקט ארויף צו די עלטערן און מ'הערט זיי אויס, און נישט די קינדער זענען מחנך די עלטערן. אין די היינטיגע שווערע דור בפרט, איז מער וויכטיג ווי אלעמאל אז די עלטערן זאלן האבן אן השפעה אויף די קינדער כדי זיי צו מחנך ע"ד התורה והמסורה. אבער דא איז פונקט פארקערט! מ'נעמט די קליינע קינדער וואס ווייסן נישט בין ימינם לשמאלם, און מ'נוצט זיי אלס שטעקן מחנך צו זיין זייערע עלטערן! און נישט נאר זייערע עלטערן, נאר פרעמדע טאטעס ווערן מחונך און נאכגעשריגן דורך קליינע קינדער על לא עול בכפם! ולא זו אף זו, מ'באטיטלט זיי צו זיין א "חמור", "חזיר", "שייגעץ", "דו גייסט באקומען יענע מעשה ר"ל", וכו' וכו'!!

וואס דארף א קינד טראכטן ווען ער קומט אהיים צום טאטן און דער טאטע וויל איהם מחנך זיין, און ביי זיך אין הארץ טראכט ער אז זיין טאטע איז א "שייגעץ וואס טוהט אפ אלע ערגסטע עבירות" אויף זיין סמארטפאון, וואס האט גראדע בלויז א קאלקולעיטער מיט אימעיל מיט איין באנק עפפ, זייענדיג גענצליך אפגעהאקט פון די אינטערנעט, מיט די הכשר פון די וועד. דאס ברעכט אונטער די יסודות פון א ריזיגן פראצענט פון כלל ישראל! אויף וועמענס אחריות?? מ'וואלט באמת געדארפט מער מאריך זיין אבער די פלאץ דא איז באגרעניצט.

**ה) דעת תורה** - איך שטעל מיך פאר, אז נעקסטע וואך וועט איינער ארויסברענגען די געוואלדיגע מעלות פון די קארטלעך, און די זאכן וואס עס טוהט אויף קען מען טאקע נישט אוועקמאכן, די שאלה איז נאר, אויב דאס איז די מהלך וואס אונז דארפן טוהן און אויב דאס איז אויסגעהאלטן. כפי ידיעתי איז שוין דא דאהי צווי חשוב'ע תלמוד-תורה'ס וואס לאזן נישט אריין די קארטלעך ביי זיי אין מוסד, ומהם יראו וכן יעשו ביז ווען די קארטלעך וועלן זיין באמת אויסגעהאלטן עפ"י הוראת הרבנים שליט"א וואס טוען אדורך די נושא, ולאורם נשא ונלך.

ואסיים בברכה, אז יעדער זאל זוכה זיין אליין צו מחנך זיינע אייגענע קינדער אשר ברכו ה', און זעהן נאר תענוג ונחת פון זיי אלע, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו מבער זיין די צרת ה'טעכנעלאגיע - וואס קאסט לײדער אזויפיל קרבנות ביי כלל ישראל,- אבער טאקע נאר זיין עפ"י דרך התורה והמסורה וכפי הוראת הרבנים, און מיר זאלן זוכה זיין צו לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים בביאת משיח צדקנו בב"א.

**ווי עס שרייבט א שטענדיגע ליינער**

**פ. פ.**

---

**א"כ הגליון שבת בשבתו,**

בנוגע וואס איז געשטאנען פאריגע וואך וועגן די גרויסע מעלה לשבח פון די שומרים קארטלעך בשעת'ן הקפות, האב איך געוואלט "אויפוועקן" די חשובע ציבור אז דאס איז אויכעט (עכ"פ לדעתי) מפגעי השע"ז, וואס א יעדער טוט ע"פ רוחו, מה שעלה בלבו לעשות און דאס אײצופיהרן, (און אפי' עס האט אזוי געדארפט זיין - ע"פ הסכמת הרבנים וכדו' - איז דאס נאר געווען א הוראת שעה - פאר תשרי תשע"ז העעל"ט - און דאס מיינט נישט אז דאס מיינט אז דאס דארף זיין אויך די קומענדיגע יאהרן).

אסאך ערליכע אידן [און אידענעס] האט דאס זייער נישט געשמעקט מפני כמה סיבות, ואפרטם כדלהלן:

1. "נייע זאכן".

2. די "צוקערלעך" זענען אלע יאהרן געווען, און ווי ס'ווערט געברענגט אין די פריעדיגע ספרים הק' אז דאס קומט מרמז צו זיין, אז די תורה איז זיס, אזוי ווי מ'פירט זיך אויך ביום הכנסת ילד לת"ת לערנען די א"ב מיט זיסע זאכן, און האניג, אזוי אויכעט שבועות צו עסן האניג לעקעך.

און אזוי האט מען געזעהן ביי פריעדיגע צדיקים וואס האבן געטיילט אדער "געווארפן צוקערלעך" בשמחת תורה אין ביהמ"ד.

3. די "צוקערלעך" פארנעמען נישט די קינדער אין זייערע מח, א גאנצע הקפות, טאנצן, דאווענען, סעודה, און א גאנצן טאג, נאר מען עסט און מען טאנצט ווייטער - אבער די "קארטלעך" נעמט איבער די קינדער! (איה"נ מ'דארף האבן א 'נארישע' מיטל זיך צו באגיין קעגן די 'נארישע' מענטשן מיט די 'נארישע' כלים פון די 'נארישע' דור, אבער 'נאריש' בלייבט 'נאריש'!) די קארטלעך האט זיי איבערגענומען א גאנצע הקפות, קוק'ן די קארטלעך, צייל'ן די קארטלעך, טויש'ן די קארטלעך, וכדו' וכדו'.